# ונפלינו אני ועמך

**כי מצאתי חן בעיניך גו' ונפלינו אני ועמך מכל העם אשר על פני האדמה**[1] – איך האָב געפונען חן אין דיינע אויגן, איך און דיין פאָלק זאָלן זיין אָפגעשיידט פון אַלע פעלקער וואָס זיינען אויף דער וועלט.

דער אינהאַלט פון דעם פסוק איז: משה רבינו - דער וואָס האָט מקבל געווען די תורה פון אויבערשטן פאַר אַלע אידן פון אַלע דורות און פאַר אַלע צייטן - בעט ביים אויבערשטן, און האָט אויסגעפירט, אַז דער אידישער פאָלק זאָל זיין אָפגעשיידט פון אַלע פעלקער וועלכע זיינען אויף דער ערד.

**אַ איד דאַרף וויסן אַז יעדער איינצלהייט פון אידישן לעבנסשטייגער איז אַנדערש און אָפגעטיילט פון ניט-אידן, להבדיל**

די אָפלערנונג דערפון פאַר אידישע קינדער:

אַ איד דאַרף וויסן, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס עס זיינען פאַראַן אַ סך פעלקער אויף דער וועלט, "כל העם אשר על פני האדמה", פונדעסטוועגן, זיינען אידן אינגאַנצן אָפגעטיילט און אָפגעשיידט פון זיי. ביז אַז יעדער איינצלהייט פון אידישן לעבנסשטייגער איז אַנדערש און אָפגעטיילט פון ניט-אידן, להבדיל.

צום ביישפיל: ווען אַ איד וויל עפעס עסן אָדער טרינקען, אפילו ווען דאָס איז בלויז אַ טרונק וואַסער, איז צום אַלעם ערשטן דאַרף ער מאַכן אַ ברכה "שהכל נהי' בדברו", אַז ער אַנערקענט אַז **אַלץ** ("הכל"), די הימלען מיט דער ערד וכל צבאיהם, זיינען באַשאַפן געוואָרן פון דעם אויבערשטנ'ס רייד ("דברו"), און ערשט דערנאָך קען ער טרינקען די וואַסער (אָדער פאַרזוכן דעם מאכל).

און טראָץ דעם וואָס אידן זיינען פאַנאַנדערגעשפרייט

**דורך דעם וואָס אידן פירן זיך אויף אין אַן אופן פון "ונפלינו", געפינט מען "חן" אין די אויגן פון דעם בורא האדם**

צווישן די פעלקער, "מפוזר ומפורד בין העמים"[2], ווערט מען אינגאַנצן ניט נתפעל פון זיי, וויסנדיק אַז דער אויבערשטער האָט אויפגעהויבן אידן אין אַן אופן פון "ונפלינו", און זיי געגעבן אַלע נויטיקע כוחות אַז זיי זאָלן קענען פירן אַ אידישן לעבן לויט תורה און אירע מצוות ווי אַ איד דאַרף לעבן און מיט שמחה וטוב לבב.

און דורך דעם וואָס אידן פירן זיך אויף אין אַן אופן פון "ונפלינו", אָפּגעטיילט און אַנדערש פון אַלע פעלקער, און ווען מען זעט אַ אידן וואָס ווייס ניט דערפון, נעמט מען אויף זיך די שליחות צו אויפקלערן אים די אַנדערשקייט פון עם ישראל,

ווערט אויפגעטאָן (ווי עס שטייט אין אָנהויב פסוק) "מצאתי חן בעיניך": מען געפינט "חן" אין די אויגן פון דעם "קאָמענדער-אין-טשיף" פון "צבאות השם", דער בורא האדם ומנהיגו, זעענדיק ווי אידן פירן זיך אין אַן אופן פון "ונפלינו אני ועמך מכל העם אשר על פני האדמה".

און נאָך מער: ניט נאָר וואָס די פעלקער אַרום שטערן ניט אידן, נאָר פאַרקערט, זיי גיבן אידן כבוד און "יקר"[3] פאַר דעם וואָס אידן פירן זיך אויף אַ אידישן אופן.

(ט"ז אדר תשמ"ג, י"ב אדר תשמ"ה)

1) תשא לג, טז. 2) אסתר ג, ח. 3) עפ"י אסתר ח, טז.